פובליק נאטיץ

# פארגעשלאגענע ענדערונגען צו MTA פרייזן

פובליק הירינגס וועלן געהאלטן ווערן פונדערווייט דורך Zoom און פערזענליך ביי די לאקאציעס, דאטומס און צייטן וואס זענען באצייכנט אונטן אויף פארגעשלאגענע ענדערונגען צו פרייזן. דער פובליק ווערט איינגעלאדנט צו קאמענטירן אויף די פארגעשלאגענע ענדערונגען, וואס ווערן באשריבן אונטן בקיצור און זענען גילטיג, ווי שייך, צו די פרייזן פון די New York City Transit (NYCT) און איר שטיצנדע טראנזיט, די Manhattan and Bronx Surface Transit Operating Authority (MaBSTOA), די MTA Bus Company (MTA Bus), און די Long Island Rail Road (LIRR); Staten Island Rapid Transit Operating Authority (SIR); און Metro-North Railroad (Metro-North).

די פרייז פארשלאגן ערלויבן פארשידענע אפציעס צו ווערן גענומען אין באטראכט און העכערונגען צו פרייזן קענען זיין וויניגער ווי די מאקסימום סומעס וואס ווערן אנגעגעבן. נאכפאלגנדיג די הירינגס, נאכן נעמען אין באטראכט פובליק קאמענטארן, וועט די באורד פון די MTA און אירע פארבינדענע און שטיצנדע אגענטורן באשליסן וועלכע פרייז ענדערונגען אנצונעמען.

פאר מער פרטים אויף די פארגעשלאגענע ענדערונגען, ביטע באזוכט http://mta.info/2025-fare-hearings, זעט די אינפארמאציע וואס ווערט ארויפגעשטעלט אויף MTA סטאנציעס און אויף דיגיטאלע טאוולען, אדער רופט די פובליק הירינג האטליין אויף 6777-252 (646).

---

## די פאלגנדע פארגעשלאגענע ענדערונגען קענען ווערן איינגעפירט אויף אדער נאך יאנואר 2026.

### NYCT, MaBSTOA, MTA Bus, SIR

**פרייזן פאר סאבוועי, (NYCT), לאקאלע באס (MaBSTOA,NYCT , און MTA באס), און SIR:**

בעיס פרייז (יעצט $2.90):
- הייבן די בעיס פרייז מיט 10¢.

איינצלנע רייזע טיקעט (יעצט $3.25):
- הייבן איינצלנע רייזע טיקעט פאר טיקעטס וואס קענען נישט ווערן איבערגענוצט מיט 25¢.

פרייז באגרעניצונג און אומבאגרעניצטע רייזעס:
- מאכן פערמענענט א 7-טעג פרייז באגרעניצונג וואס געבט די רייזנדע אן אומבאגרעניצטע צאל פון אומזיסטע רייזעס פאר א 7-טעג צייט אפשניט נאך וואס די רייזנדע האט באצאלט פאר 12 רייזעס אין א 7-טעג צייט אפשניט.
- הייבן די 7-טעג פרייז באגרעניצונג צו 12 מאל די בעיס פרייז, צו $36.00.

**פרייזן פאר עקספרעס באס (NYCT און MTA באס):**

איינצלנע רייזע (יעצט $7.00):
- הייבן דעם איינצלנע רייזע עקספרעס באס פרייז צו $7.25.

**פרייזן פאר פאראטראנזיט סערוויסעס (יעצט $2.90):**

הייבן די NYCT עקסעס-א-רייד פאראטראנזיט סערוויסעס איין-וועג פרייז מיט מערסטנס די סומע פון די העכערונג פון די סאבוועי בעיס פרייז, אויב עס איז דא.

**MetroCard פרייז מידיע:**

מער נישט פארקויפן MetroCard פרייז מידיע. די פרייז מידיע נעמט אריין די פאראויס-געצאלטע 7-טעג, 30-טעג און 7-טעג עקספרעס באס פלאס אומבאגרעניצטע רייזעס MetroCards.

**דיסקאונט פאליסיס:**

עלטערע מענטשן\קאסטומערס מיט דיסאביליטיס\פאראטראנזיט זערא קאסט דיסקאונט פאליסיס פארבלייבן אומגעטוישט.

### LIRR & Metro-North

**מאנאטליך, וועכנטליך, און אנדערע סארטן טיקעטס:**
- הייבן די מאנאטליכע און וועכנטליכע טיקעט פרייזן מיט מערסטנס 4.5%.
- הייבן די פרייז פאר אלע אנדערע טיקעט'ס מיט מערסטנס 8%.
- ספעציעלע ביליגע פרייזן, סופלעמענטל סטעפ-אפ, אן-באורד פרייזן, און רייזע פארלענגערונג פרייזן קענען זיין אויסגעשטעלט צו פראצענט העכערונגען מער ווי די אנדערע מאקסימום אטאריזירטע העכערונגען צו בעיס פרייזן צוליב ראונדינג.

**UniTicket און איין-וועג קאנעקטינג פרייזן:**
- הייבן וועכנטליכע קאנעקטינג פרייזן פאר די Hudson Rail Link מיט 50¢.
- הייבן מאנאטליכע קאנעקטינג פרייזן פאר די Hudson Rail Link מיט $2.00 און פאר די-Haverstraw-Ossining Ferry מיט 75¢.
- הייבן איין-וועג פרייזן פאר די Hudson Rail Link מיט 10¢, איין וועג קאנעקטינג פרייזן פאר די Haverstraw-Ossining Ferry מיט 25¢, און הייבן עלטערע מענטשן\קאסטומערס מיט דיסאביליטיס פרייזן פאר די רייזעס מיט 5¢.
- הייבן די וועכנטליכע פרייז פאר קאנעקטינג לאקאלע NYC באס סערוויס (NYCT, MaBSTOA און MTA באס) מיט 75¢, און מאנאטליכע פרייז מיט $4.25.
- הייבן די וועכנטליכע פרייזן פאר די Nassau Inter-County Express (NICE) Bus UniTicket מיט 75¢, און די מאנאטליכע פרייז ביז $5.25.

**אנדערע פרייזן און פאליסי פארשלאגן:**
- הייבן די צוגעקומענע אפצאל מיט $2 אויף אלע טיקעט'ס וואס ווערן איינגעקויפט אויף באורד באנען.
- מאכן די Peak CityTicket און Far Rockaway Ticket פארמענאנטע פרייז פראדוקטן.

---

## די פאלגנדע פארגעשלאגענע ענדערונגען קענען ווערן איינגעפירט איינמאל די MetroCard ווערט מער נישט אנגענומען צו באצאלן פאר רייזעס.

**פרייזן פאר סאבוועי, (NYCT), לאקאלע באס (MaBSTOA,NYCT , און MTA באס), און SIR:**

**אן-באורד לאקאלע באס פרייז:**

ווייטער אננעמען קעש ביי קארטל ווענדינג מאשינען און ביי OMNY ריטעילערס, און מער נישט אננעמען באצאלונגען אויפן באס מיט מטבעות פאר אן איינצעלע רייזע לאקאלע באס פרייז.

**OMNY קארטל פרייז:**

הייבן די פרייז פאר א נייע OMNY קארטל מיט מערסטנס $2.00.

---

### דאטומען און צייטן פון די הייבריד פובליק הירינגס

עס וועלן זיין דריי (3) הייבריד פאבליק הירינגס צוצושטעלן אינפארמאציע און באקומען קאמענטארן אויף די פארגעשלאגענע ענדערונגען צו MTA פרייזן ביי די דאטומען און צייטן אונטן. די וואס זענען אינטערעסירט צו רעדן וועלן האבן צוויי (2) מינוט צו רעדן.

דינסטאג, אגוסט 19, 2025, 6 נאכמיטאג - 9 ביינאכט

מיטוואך, אגוסט 20, 2025, 10 צופרי - 1 נאכמיטאג

מיטוואך, אגוסט 20, 2025, 5 נאכמיטאג - 8 ביינאכט

### ארט פון דעם הירינגס

אלע פובליק הירינגס וועלן ווערן געהאלטן פערזענליך ביי די New York City Transit Authority, 130 Livingston Street, 1st Floor, Brooklyn, NY 11201 און דורך Zoom און לייוו סטריעם אויף http://mta.info/2025-fare-hearings.

סאבוועי: R F C A צו Street – MetroTech (צוגענגליכע סטאנציע), R צו Court Street (צוגענגליכע סטאנציע), 3 2 צו Borough Hall (צוגענגליכע סטאנציע), 5 4 צו Borough Hall (בלויז צוגענגליך אויף די וועג צו מאנהעטען)

באס: B25, B26, B38, B41, B45, B52, B57, B61, B62, B65, B67, B103

### רעגיסטרירן פאר די פובליק הירינגס

זיך צו רעגיסטרירן צו רעדן ביי די פובליק הירינגס, ביטע רעגיסטרירט זיך אנליין אויף http://mta.info/2025-fare-hearings אדער רופט די פובליק הירינג האטליין אויף 6777-252 (646). טעלעפאן אגענטן זענען אוועילעבל פון 6 צופרי ביז 10 ביינאכט טעגליך. רעגיסטראציע פאר יעדע פובליק הירינג וועט זיך עפענען אויף מיטוואך, יולי 30, 2025 און זיך פארמאכן ביי די אנהייב פון די הירינג. אלע קאמענטארן וועלן ווערן אראפגעשריבן און ווערן אריינגעלייגט אלץ א טייל פון די פערמענאנטע רעקארד.

איר מוזט זיך פאראויס-רעגיסטרירן צו רעדן ביי א הייבריד פובליק הירינג. מינדליכע קאמענטארן זענען באגרעניצט צו צוויי (2) מינוט פאר יעדע רעדנער. הירינגס ווערן באשטימט פאר דריי (3) שעה, אבער יעדע פובליק הירינג וועט אננעמען רעגיסטראנטן ביז עס זענען דא 240 מינוט (4 שעה) פון פובליק רעדנער קאמענטארן פלאנירט. אין פאל דער הירינג דערגרייכט 240 מינוטן פון קאמענטארן פון פובליק רעגיסטרירטע רעדנער, וועלן בלויז די איבערגעבליבענע רעגיסטרירטע רעדנער וואס האבן נישט פריער גערעדט ביי אן אנדערע 2025 פרייז פובליק הירינג באקומען די געלעגנהייט צו רעדן. אין צוגאב, ביי אלע הירינגס, וועלן רעדנער וואס האבן נישט פריער גערעדט ביי אן אנדערע 2025 פרייז פובליק הירינג באקומען פריאריטעט צו רעדן ערשט.

### זיך אנשליסן אין די פובליק הירינגס ווירטואל

אויב איר זענט רעגיסטרירט צו רעדן און זיך אנשליסן אין די פובליק הירינגס ווירטואל, קענט איר זיך אנשליסן אינעם Zoom זיצונג ביים פלאנירטן הירינג צייט אנליין אדער דורכן טעלעפאן דורכן אויספאלגן די אנווייזונגען:

**זיך אנשליסן אין Zoom אנליין:** צו באקומען צוטריט צו די Zoom זיצונג אנליין, באזוכט די וועבזייט: http://mta.info/2025-fare-hearings. איר קענט אויך גיין צו zoom.us/join און אריינלייגן די זיצונג ID 830 8013 3172.

**זיך אנשליסן אין Zoom דורכן טעלעפאן:** צו באקומען צוטריט צום Zoom זיצונג דורכן טעלעפאן, ביטע רופט 9805-518 (646). דאן לייגט אריין די זיצונג ID 830 8013 3172, נאכגעפאלגט מיטן פאונד (#) צייכן.

**נאר-זען אנליין:** מיטגלידער פונעם פובליק וואס ווילן נאר זען די הירינגס קענען באקומען צוטריט דערצו לעבעדיג אויף http://mta.info/2025-fare-hearings.

אריינצוגעבן פראגעס דורכאויס די הירינגס, מוזט איר זיך אנשליסן אין דעם הירינג דורכן Zoom אנליין פלאטפארמע. איר קענט אריינגעבן פראגעס סיי ווען אין אנדערע צייטן אויף די וועגן וואס ווערן אויסגערעכנט אונטן (זעט "נאך וועגן צו קאמענטירן אדער פארלאנגען אינפארמאציע"). פראגעס וועגן די פארגעשלאגענע פרייז ענדערונגען קענען ווערן גנטפערט דורך שטאב דורכאויס און נאך די הירינג.

### נאך וועגן צו קאמענטירן אדער פארלאנגען אינפארמאציע

**אנליין:** http://mta.info/2025-fare-hearings

**פאסט:** MTA Government & Community Relations,
Attn: Fare Hearings, 2 Broadway, 16th Floor, New York, NY 10004

**טעלעפאן:** 6777-252 (646), טעלעפאן אגענטן זענען אוועילעבל פון 6 צופרי ביז 10 ביינאכט טעגליך

נאך עדות וועט ווערן אויסגעהערט ביי קאסטומער סערוויס צענטערן, מאביל סעילס וויהיקלס, און אנדערע לאקאציעס ארום די טראנזיט סיסטעם. באזוכט http://mta.info/2025-fare-hearings פאר מער אינפארמאציע.

### צוטריט און שפראך הילף סערוויסעס

**אמעריקאנע שטום שפראך און CART קאפשאנינג סערוויסעס וועלן זיין אוועילעבל.**

מיטגלידער פונעם פובליק וואס זענען טויב אדער האבן שוואכע הערן קראפט קענען נוצן זייער אויסגעוועלטע רילעי סערוויס אדער די אומזיסטע 711 רילעי סערוויס און בעטן צו ווערן פארבינדן מיטן פובליק הירינג האטליין אויף 6777-252 (646) צו רעדן מיט אן אגענט.

מיטגלידער פונעם פובליק וואס זענען בלינד אדער האבן שוואכע זע-קראפט קענען אריינגעבן אן אקאמאדאציע פארלאנג אומווייניגסטנס פינף (5) ביזנעס טעג איידער די ערשטע באשטימטע הירינג דאטום דורכן אריינגעבן א פארלאנג אנליין אויף http://mta.info/2025-fare-hearings אדער דורכן אריינרופן דעם פובליק הירינג האטליין אויף 6777-252 (646).

אויב מען פארלאנגט שפראך הילף אדער סיי וועלכע אקאמאדאציעס, ביטע געבט אריין א פארלאנג אמווייניגסטנס פינף (5) ביזנעס טעג איידער די באשטימטע הירינג דאטום אויף איינע פון די פאלגנדע וועגן: אנליין אויף http://mta.info/2025-fare-hearings, דורכן רופן די פובליק הירינג האטליין אויף 252- (646) 6777, אדער דורכן שיקן א בריוו צו MTA Government & Community Relations, Attn: Fare Hearings, 2 Broadway, 16th Floor, New York, NY 10004.

פאר די וואס בעטן שפראך הילף, וועט די MTA צושטעלן איבערגעטייטשטע אינפארמאציע וועגן די הירינג פראצעדור און פארזיכערן אז סיי וועלכע פובליק קאמענטארן וואס מען באקומט אין א שפראך אויסער ענגליש ווערן איבערגעטייטשט, אריינגערעכנט אין די הירינג טראנסקריפט, און ווערן געשריבן בקיצור פאר די MTA באורד.

מיטגלידער פונעם פובליק וואס האבן נישט קיין צוטריט צו א קאמפיוטער אדער וואס האבן נישט קיין צוטריט צו די אינטערנעט קענען אויסהערן יעדע פון די הירינגס דורכן רופן די Zoom זיצונג אויף 9805-518 (646) (אומזיסט). דאן לייגט אריין די זיצונג ID 830 8013 3172, נאכגעפאלגט מיטן פאונד (#) צייכן.

Metropolitan Transportation Authority

www.mta.info